# לב שומע

תמצית שיעורים אויף די פרשה

פון הרה"ג רבי **שמעיה לעוו** שליט"א

דומ"ץ דקהל יטב לב ד'סאטמאר

אידיש

## פרשת שמיני - פרה

לעילוי נשמת

הרה"ח מקים עולה של תורה

ר' ישעי' זאב בן הרה"ח ישראל יששכר זלה"ה

ראש הקהל דקהל יטב לב סאטמאר - לאנדאן

ניתן לשמוע השיעורים ב'קול הלשון'
020 81917000
[ex3,1.11.1]

'שגיאות מי יבין' - אי אפשר לבר בלא תבן
בבקשה, המוצא שגיאה כלשהוא יואיל להודיע
למו"ל למען יתוקן אי"ה

להערות והארות ולקבלת הגליון יש לשלוח לאימעל
levshomeya@gmail.com

סדר ועימוד: א. י. גרינוואלד
054-8494370

# תוכן הענינים

## דָארְט וואו דו בִּיסְט


דִי מַעֲלָה פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל - אַז זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אִין מִצְרַיִם ........ ה

דִי הַשְׁפָּעוֹת הַסְּבִיבָה אוֹיף דִי מַלְאָכִים ........ ו

דֶער כֹּחַ הַקְּדֻשָּׁה פוּן יֶעדֶע פְּלַאץ ........ ז


## פָּרָה - זִיךְ רֵיינִיגְן דוּרְךְ תְּשׁוּבָה


וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ פָּרָה אֲדֻמָּה ........ י

פָּרָה אִיז מְתַקֵּן דֶעם חֵטְא הָעֵגֶל ........ י

דִי הֵיילִיגְקֵייט פוּן דִי דוֹר וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט מִיטְן עֵגֶל ........ יא

דִי פָּרָה אִיז מְעוֹרֵר אוֹיף תְּשׁוּבָה ........ יא

דֶער לִיבְּשַׁאפְט פוּן השי"ת אֲפִילוּ נָאכְן חֵטְא הָעֵגֶל ........ יב

פָּרָה קוּמְט פַאר הַחֹדֶשׁ ........ יג

וּנְשַׁלְּמָה פָּרִים שְׂפָתֵינוּ ........ יד

# פָּרָשַׁת שְׁמִינִי

## דָארְט וואוּ דוּ בִּיסְט

☆ דִי מַעֲלָה פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל - אַז זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אִין מִצְרַיִם ☆ דִי הַשְׁפָּעוֹת הַסְּבִיבָה אוֹיף דִי מַלְאָכִים ☆ דֶער כֹּחַ הַקְדֻשָּׁה פוּן יֶעדֶע פְּלַאץ

### דִי מַעֲלָה פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל - אַז זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אִין מִצְרַיִם

**עֶס** שְׁטֵייט אִין פָּסוּק סוֹף פוּן דִי פָּרָשָׁה (יא מה) **כִּי אֲנִי ה' הַמַּעֲלֶה אֶתְכֶם מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם לִהְיֹת לָכֶם לֵאלֹקִים, וִהְיִיתֶם קְדֹשִׁים כִּי קָדוֹשׁ אָנִי**. אִיךְ בִּין דֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס הָאט עֶנְק אַרוֹיף גֶעבְּרֶענְגְט פוּן מִצְרַיִם מִיךְ צוּ דִינֶען.. אוּן עֶנְק זָאלְן זַיין הֵיילִיג וַוייבַּאלְד אִיךְ בִּין הֵיילִיג.

**זָאגְט** דֶער הֵיילִיגֶער קָאזְנִיצֶער מַגִּיד זי"ע (אין זיין ספר עבודת ישראל), מִיר טְרֶעפְן אִין דִי גְּמָרָא (שבת פח:) אַז וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּנוּ אִיז אַרוֹיף אִין הִימְל צוּ נֶעמֶען דִי תּוֹרָה, הָאבְּן דִי מַלְאָכִים פַארְפִּירְט אַז השי"ת זָאל נִישְׁט גֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר דִי אִידְן, "תְּנָה הוֹדְךָ עַל הַשָּׁמָיִם", **מִיר** - דִי מַלְאָכִים ווילְן דִי תּוֹרָה, זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן אַז דִי תּוֹרָה זָאל בְּלֵייבְּן אִין הִימְל. שְׁטֵייט דָארְט אַז מֹשֶׁה רַבֵּנוּ הָאט זֵיי גֶעעֶנְפֶערְט אַז אִין דִי עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת שְׁטֵייט אָנֹכִי ה' אֱלֹקֶיךָ אֲשֶׁר הוֹצֵאתִיךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם, נוּ - פְרֶעגְט זֵיי מֹשֶׁה - צוּ קֶענֶען עֶנְק דֶען מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה, עֶנְק זֶענֶען דָאךְ נִישְׁט גֶעוֶוען אִין מִצְרַיִם!

**דֶער** קָאזְנִיצֶער מַגִּיד עֶרְקלֶערְט דִי כַּוָּנָה דֶערְפוּן[א], אַז דִי טַעֲנָה קֶעגְן דִי מַלְאָכִים אִיז גֶעוֶוען, דִי אִידְן זֶענֶען גֶעוֶוען אִין מִצְרַיִם אוּן מִיט דֶעם אַלֶעמֶען זֶענֶען זֵיי אַרוֹיס פוּן דָארְט בְּיָד רָמָה, עֶנְק מַלְאָכִים הָאבְּן דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּאוֵוייזְן, ווִי מִיר זָאגְן אִין דִי הַגָּדָה "וְעָבַרְתִּי בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם אֲנִי וְלֹא מַלְאָךְ" אוּן דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ אִיז מַסְבִּיר אַז אַ מַלְאָךְ הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרֵיינְגֵיין אִין מִצְרַיִם וֶועגְן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע כּוֹחוֹת הַטֻּמְאָה וָואס עֶס אִיז דָארְט גֶעוֶוען.

**אוּן** מִמֵּילָא זָאגְט מֹשֶׁה פַאר דִי מַלְאָכִים - עֶנְק קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט פַארְגְלֵייכְן צוּ דִי אִידְן[ב], דִי אִידְן זֶענֶען אַ גְרוֹיס מֶעכְטִיג

---

**א.** עס איז פשוט אז מ'רעדט דא נישט פון סתם א פראקטישע פראבלעם, וואס וויבאלד עס שטימט נישט די לשון הפסוק אויף זיי, קענען זיי נישט מקבל זיין די תורה הקדושה.

**ב.** רבי איציקעל פשעווארסקער זי"ע פלעגט נישט זאגן קיין סאך תורה, אבער פון זיינע

פָּאלְק, זַיי זֶענֶען גֶעוֶוען אִין מִצְרַיִם, אוּן דָארְט אִין דִי עֶרְוַת הָאָרֶץ הָאבְּן זַיי זִיךְ גֶעהַאלְטְן, מִמֵּילָא קוּמְט זַיי מִיט רֶעכְט דִי תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה.

**אִיז** עֶר מְבָאֵר אַז דָאס אִיז פְּשָׁט דָא אִין פָּסוּק **כִּי אֲנִי ה' הַמַּעֲלֶה אֶתְכֶם מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם לִהְיֹת לָכֶם לֵאלֹקִים** דָאס אַז אִיךְ אַלֵיין כִּבְיָכוֹל **אֲנִי ה'** הָאבּ עֶנְק גֶעדַארְפְט אוֹיסְלֵייזְן פוּן מִצְרַיִם, אוּן אַ מַלְאָךְ הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט דָאס בַּאוַוייזְן, דָאס וַוייזְט אוֹיף עֶנְקֶער גְרוֹיסֶע מַעֲלָה, אוּן מִמֵּילָא **לִהְיֹת לָכֶם לֵאלֹקִים**, זֶענֶען עֶנְק זוֹכֶה אַז אִיךְ בִּין עֶנְקֶער בַּאשֶׁעפֶער, אוּן עֶנְק קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה.

**דִי הַשְׁפָּעוֹת הַסְּבִיבָה אוֹיף דִי מַלְאָכִים**

**בַּיי** דִי פָּרָשָׁה פוּן סְדוֹם טְרֶעפְן מִיר אַז דִי מַלְאָכִים הָאבְּן גֶעזָאגְט פַּאר לוֹט (בראשית יט יג) **כִּי מַשְׁחִתִים אֲנַחְנוּ אֶת הַמָּקוֹם הַזֶּה**, זָאגְט דֶער מִדְרָשׁ (בראשית רבה ס"ח י"ב) וַוייבַּאלְד זַיי הָאבְּן זִיךְ גְרוֹיס גֶעהַאלְטְן, זַיי הָאבְּן גֶעזָאגְט "מַשְׁחִתִים אֲנַחְנוּ" אוּנְז גֵייעֶן חָרוּב מַאכְן סְדוֹם, כְּאִלּוּ עֶס אִיז גֶעוָואנדְן אִין זַיי, הָאבְּן זַיי בַּאקוּמֶען אַ שְׁטְרָאף אַז 138 יָאר הָאבְּן זַיי נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרוֹיפְגֵיין צוּרִיק צוּם הִימְל[ג].

**זַיי** הָאבְּן נָאר גֶעהַאט דֶער מֶעגְלִיכְקֵייט צוּרִיק צוּ גֵיין אִין הִימְל, וֶוען יַעֲקֹב אָבִינוּ אִיז גֶעגַאנְגֶען קֵיין חָרָן צוּ לָבָן, דָארְט שְׁטֵייט בַּיי דֶעם חָלוֹם (בראשית כח יב) **וְהִנֵּה מַלְאֲכֵי אֱלֹקִים עֹלִים וְיֹרְדִים בּוֹ**, לִכְאוֹרָה ווָאלְט גֶעדַארְפְט שְׁטֵיין קוֹדֶם "יוֹרְדִים" דִי מַלְאָכִים קוּמֶען דָאךְ פוּן הִימְל? נָאר דָאס זֶענֶען גֶעוֶוען דִי מַלְאָכִים פוּן סְדוֹם וָואס הָאבְּן נָאר יֶעצְט בַּאקוּמֶען רְשׁוּת אַרוֹיפְצוּגֵיין צוּרִיק צוּ זֵייעֶר פְּלַאץ.

**לִכְאוֹרָה** פַארְוָואס אִיז זֵייעֶר עֹנֶשׁ גֶעוֶוען פּוּנְקְט בִּיז יֶעצְט וֶוען יַעֲקֹב אָבִינוּ גֵייט קֵיין חָרָן, וָואס אִיז דֶער שַׁיָּכוּת? צוּ פֶעלְן עֶפֶּעס לֵייטֶערְס אַז דִי מַלְאָכִים זָאלְן קֶענֶען אַרוֹיפְגֵיין צוּרִיק.. אַז מְ'הָאט גֶעדַארְפְט וַוארְטְן בִּיז דֶעם לֵייטֶער פוּן יַעֲקֹב אָבִינוּ?

**זָאגְט** הגה"צ רַבִּי מֹשֶׁה ווָאלְפְסָאן שְׁלִיטָ"א בְּדֶרֶךְ דְּרוּשׁ, אַז דִי סִבָּה פַארְוָואס דִי מַלְאָכִים זֶענֶען נִכְשַׁל גֶעוָוארְן צוּ זָאגְן "מַשְׁחִתִים אֲנַחְנוּ" אִיז וַוייבַּאלְד זַיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען קֵיין סְדוֹם, אַ מָקוֹם רֶשַׁע, אַ פְּלַאץ וָואס אִיז גֶעוֶוען אָנְגֶעפִילְט מִיט טֻמְאָה אוּן זוּהֲמָה, הָאט דָאס מַשְׁפִּיעַ גֶעוֶוען אוֹיף דִי דִּבּוּר פוּן דִי מַלְאָכִים, אַזוֹי ווִי מִיר הָאבְּן שׁוֹין עֶרְוֶועְנְט פוּן אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ אַז דִי מַלְאָכִים וֶוערְן נִשְׁפָּע פוּן דִי טֻמְאָה זֵייעֶר שְׁטַארְק.

**דֶערְפַאר** יֶעצְט וֶוען יַעֲקֹב אָבִינוּ אִיז גֶעגַאנְגֶען קֵיין חָרָן, דֶער גֶרֶעסְטֶער פְּלַאץ פוּן שְׁלֶעכְטְס אוּן

---

איינציגע תורה וואס ער פלעגט יא זאגן, איז געווען אויף דעם פסוק (יחזקא א יד) "החיות רצוא ושוב", אז ווען די חיות הקודש דארפן קומען אויף די וועלט, לויפן זיי גלייך צוריק, ווייל זיי האלטן נישט אויס דער גרויסע כח הטומאה וואס עס איז דא בעולם הזה.

**ג.** רש"י אין פרשת וירא (יט כב) זאגט אז דערפאר האט דער מלאך שפעטער געמוזט מודה זיין אז די זאך איז נישט תלוי אין זיין האנט און ער האט געזאגט "לא אוכל לעשות".

פַּאלטְשׁקֵייט וָואס אִיז נָאר מֶעגלִיךְ, לָבָן הָרָשָׁע אַלֵיין, אוּן יַעֲקֹב אָבִינוּ גְרֵייט זִיךְ דֶערְצוּ מִיט הָארֶעוֶועןן גַאנצֶע פֶּערצְן יָאר תּוֹרָה בְּבֵית שֵׁם וָעֵבֶר, וָואס דָאס אַלֶעס הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אַז יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטְן גָאר פֶּעסְט בְּבֵית לָבָן וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בראשית לג יח) **וַיָּבֹא יַעֲקֹב שָׁלֵם** אוּן דִי גְמָרָא (שבת לג:) דַרְשֶׁ'נְט **שָׁלֵם בְּתוֹרָתוֹ**, יֶעצְט אִיז פַארְרַאכְטְן גֶעוָוארְן דֶעם פְּגָם וָואס אִיז גֶעשֶׁען דוּרְךְ דִי מַלְאָכִים אִין סְדוֹם[ד].

**וָואס** מִיר קֶענֶען זִיךְ אַרוֹיסלֶערְנֶען פוּן דֶעם עִנְיָן אִיז דִי מַעֲלָה וָואס אִיז דָא אִין מִצְרַיִם, כָאטְשִׁיג אַז מִצְרַיִם אִיז עֶרְוַת הָאָרֶץ, עֶס אִיז אַ גֶעפֶערְלִיכֶע פְּלַאץ, הָאט עֶס אָבֶער אַ גֶעוַואלְדִיגֶע מַעֲלָה[ה], אַז דִי אִידְן הָאבְּן נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶועןן אָנְצוּקוּמֶען צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה נָאר דוּרְךְ מִצְרַיִם[ו].

## דֶער כֹּחַ הַקְדֻשָּׁה פוּן יֶעדֶע פְּלַאץ

**יֶעדֶע** פְּלַאץ הָאט זַיין כֹּחַ אוּן סְגוּלָה. דִי גְמָרָא (תענית ד.) בְּרֶענְגְט אַז עֶס אִיז

**ד.** וויבאלד דער פגם איז געשען דורך א נישט גוטע סביבה, די מלאכים האבן זיך נישט געהאלטן אין סדום, איז עס נתקן געווארן ווען יעקב אבינו – צדיק יסוד עולם – האט זיך יא געהאלטן אין א סביבה וואס איז געווען נישט גוט.

**ה.** געוואלדיגע ווערטער שטייט אין אור החיים הקדוש פרשת קרח (טז כב), אז ווען משה רבינו האט געוואלט מלמד זכות זיין אויף כלל ישראל, האט ער געזאגט "קל אלקי הרוחות **לכל בשר**", עס איז דא עטליכע דרגות אין דער נחת רוח וואס השי"ת האט, עס איז דא פון די נשמות הצדיקים וואס זענען אויף יענע וועלט, אבער העכער פון זיי איז דער נחת רוח פון די נשמות וואס זענען "תוך הבשר" נאך אין די פליישיגע עולם הזה, און דער בשר האלט זיי אפ פון דינען השי"ת, און זיי שטארקן זיך צו לויבן השי"ת, דאס איז פיל פיל העכער.

**ו.** צומאל טראכט א מענטש ער וואלט געוואלט וואוינען אין יענער געוויסע פלאץ, וואס דארט וואלט ער בעסער געקענט דינען השי"ת, אבער א מענטש דארף וויסן: אז יעדע פלאץ האט זיינע מעלות, ווי מיר זעען, אז דוקא מצרים איז געווען דער גורם פון קבלת התורה.

אויך אונזער מדינה ענגלאנד האט זיך אירע מעלות, עס איז דא מער מנוחת הנפש, רואיגקייט, מתינות, מ'דארף דאס אויס נוצן, דער עבודת ישראל זאגט סוף פון די פרשה [דער זעלבע זאך שטייט אויך אין ספר החיים – א ברודער פון דער מהר"ל] אז קריכערדיגע באשעפענישן הייסן "שְׁרָצִים" וויבאלד זיי האלטן אין איין לויפן פון איין פלאץ צום צווייטן "שֶׁרָצִים", און זיי שטעלן זיך נישט אפ, זיי האבן נישט דער מתינות און ישוב הדעת, דאס איז טמא!

צדיקים האבן געטייטשט אויף דעם פסוק (שמות ג ה) "כי המקום אשר אתה עומד עליו אדמת קדוש הוא", א מענטש דארף וויסן, דער פלאץ וואו ער שטייט דאס איז אדמת קודש, דאס איז הייליג דארט איז זיין תיקון הנפש.

אויך טרעפן מיר ווי מ'טייטש דעם לשון רש"י **לא יהא לבך חלוק על המקום** א מענטש זאל נישט זיך קריגן אויף דעם פלאץ וואו ער וואוינט, נאר וויסן אז אלעס איז בהשגחה עליונה.

גֶעווען דְרֵיי מֶענְטְשְׁען וָואס הָאבְּן גֶעבֶּעטְן "שֶׁלֹּא כַּהֹגֶן", דָאס מֵיינְט זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט אַ זַאךְ וָואס אִיז נִישְׁט גֶעווען רִיכְטִיג, דִי דְרֵיי זֶענֶען אֱלִיעֶזֶר שָׁאוּל אוּן יִפְתָּח[ז].

**פְּרֶעגְט** תּוֹספות (ד"ה שלשה) מִיר טְרֶעפְן דָאךְ אוֹיךְ בַּיי כָּלֵב בֶּן יְפוּנֶּה וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט "שֶׁלֹּא כַּהֹגֶן", ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (יהושע טו טז) **וַיֹּאמֶר כָּלֵב אֲשֶׁר יַכֶּה אֶת קִרְיַת סֵפֶר וּלְכָדָהּ וְנָתַתִּי לוֹ אֶת עַכְסָה בִתִּי לְאִשָּׁה. וַיִּלְכְּדָהּ עָתְנִיאֵל בֶּן קְנַז אֲחִי כָלֵב וַיִּתֶּן לוֹ אֶת עַכְסָה בִתּוֹ לְאִשָּׁה**, כָּלֵב הָאט גֶעזָאגְט וֶוער עֶס וֶועט אֵיינֶנעמֶען דִי שְׁטָאט קִרְיַת סֵפֶר וֶועט בַּאקוּמֶען מֵיין טָאכְטֶער עַכְסָה פַאר אַ פְרוֹי, אוּן דָאס אִיז נִישְׁט כַּהֹגֶן ווייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט ווִיסְן וֶוער עֶס וֶועט טַאקֶע קֶענֶען בַּאווייזְן צוּ אֵיינֶנעמֶען דִי שְׁטָאט, אֶפְשָׁר וֶועט דָאס זַיין אֵיינֶער וָואס אִיז נִישְׁט פַּאסִיג פַאר זַיין טָאכְטֶער.

**עֶנְטְפֶערְט** תּוֹספות[ח] אַז כָּלֵב הָאט נִישְׁט גֶעמֵיינְט צוּ זָאגְן אַז יֶעדֶער וָואס וֶועט אֵיינֶנעמֶען קִרְיַת סֵפֶר וֶועט בַּאקוּמֶען עַכְסָה פַאר זַיין פְרוֹי, נָאר דֶער וָואס וֶועט קֶענֶען צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אַלֶע הֲלָכוֹת וָואס זֶענֶען פַארְגֶעסְן גֶעווָארְן אִין דִי אֲבֵלוּת טֶעג פוּן מֹשֶׁה רַבֵּנוּ, עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען מֵיין טָאכְטֶער פַאר אַ פְרוֹי, אוּן מִמֵּילָא הָאט עֶר נִישְׁט גֶעדַארְפְט מוֹרָא הָאבְּן אַז עֶס וֶועט זַיין נִישְׁט פַּאסִיג.

**לִכְאוֹרָה** אִיז שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס עֶנְפֶערְט דָא תּוֹס', דִי פָּסוּק רֶעדְט דָאךְ דָא אַז וֶוער עֶס וֶועט אֵיינֶנעמֶען דִי שְׁטָאט קִרְיַת סֵפֶר וֶועט בַּאקוּמֶען עַכְסָה פַאר אַ פְרוֹי, וואוּ אִיז דָא מְרֻמָּז דֶער עִנְיָן פוּן דִי פַארְגֶעסֶענֶע הֲלָכוֹת.

**נָאר** דִי כַּוָּנָה פוּן תּוֹספות אִיז לוֹיט ווִי מִיר טְרֶעפְן אִין דִי גְמָרָא תְּמוּרָה (טז.) וָואס דַרְשְׁ'נְט פוּן דֶער זֶעלְבֶּע פָּסוּק נָאךְ אַ לִמּוּד, אַז בַּיי דִי פְּטִירָה פוּן מֹשֶׁה רַבֵּנוּ אִיז פַארְגֶעסְן גֶעווָארְן פוּן יְהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן דְרֵיי הוּנְדֶערְט הֲלָכוֹת, אוּן עָתְנִיאֵל בֶּן קְנַז הָאט דָאס אַלֶעס צוּרִיקְגֶעבְּרֶענְגְט מִיט זַיין כֹּחַ

---

שטייט אין שפתי צדיק (פרשת קרח) אז דער חטא פון קרח איז געווען אז ער האט געוואלט דוקא דינען השי"ת אין "קדשי קדשים", אבער ער האט נישט פארשטאנען אז ווי ער איז, דארט איז קדשי קדשים.

**ז.** אליעזר עבד אברהם - ווען ער איז געגאנגען זוכן א שידוך פאר יצחק; שאול - ווען ער האט געזאגט אז ווער עס וועט באזיגן גָלְיַת וועט באקומען זיין טאכטער פאר א פרוי; יפתח - פאר ער איז געגאנגען אין מלחמה האט ער געזאגט אז ווען ער קומט אהיים וועט ער מקריב זיין אלס קרבן ווער עס קומט אים אנטקעגן.

**ח.** תוס' זאגט נאך א תירוץ, אז די גמרא אין תמורה (טז.) זאגט אז דער נאמען **עכסה** איז געווען דערפאר "שֶׁכָּל הָרוֹאֶה אוֹתָהּ כּוֹעֵס עַל אִשְׁתּוֹ" ווער עס האט איר געזען איז געווען אין כעס אויף זיין פרוי, הלמאי זי איז נישט אזא צניעות'דיגע פרוי ווי עכסה, און וויבאלד זי איז געווען אזא צנועה האט זיך כלב פארלאזט אז זיין זכות מיט איר זכות אינאיינעם וועלן מגין זיין.

פון פִּלְפּוּל, און דִי גְמָרָא לֶערְנְט דָאס אַרוֹיס פון דֶעם פָּסוּק **וַיִּלְכְּדָהּ עָתְנִיאֵל בֶּן קְנַז אֲחִי כָלֵב**, עָתְנִיאֵל הָאט אֵיינְגֶענוּמֶען "קִרְיַת סֵפֶר" וָואס דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף הֲלָכוֹת (רש"י שם).

**שְׁטֵייט** אִין עַרְבֵי נַחַל (פרשת שלח דרוש ב' בשם חכם אחד), אַז דָאס וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעקֶענְט אֵיינְנֶעמֶען אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל שֶׁלֹּא כְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע אִיז גֶעוֶוען דֶערְפַּאר ווייל דִי וֶועלְט אִיז בַּאשַׁאפֶען גֶעוָוארְן מִיט דֶער כֹּחַ הַתּוֹרָה, און אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז צוּגֶעבּוּנְדֶען צוּ דִי תּוֹרָה, דֶערְפַּאר וֶוען דִי אִידְן הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה און מְקַיֵּים גֶעוֶוען דִי מִצְוֹת וָואס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה, אִיז אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל גֶעוֶוען לֵייכְטֶערְהֵייט אִין זֵייעֶרֶע הֶענְט.

**זָאגְט** דֶער עַרְבֵי נַחַל אַז דִי דְרֵיי הוּנְדֶערְט הֲלָכוֹת וָואס אִיז פַארְגֶעסְן גֶעוָוארְן אִין דִי צֵייטְן פון יְהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן, אִיז זֵייעֶר לֶעבְּן אִיז גֶעוֶוען אִין קִרְיַת סֵפֶר, מִמֵּילָא דוּרְכְדֶעם וָואס עָתְנִיאֵל הָאט צוּרִיק גֶעבְּרֶענְגְט דִי דְרֵיי הוּנְדֶערְט הֲלָכוֹת הָאט עֶר לֵייכְטֶערְהֵייט אֵיינְגֶענוּמֶען קִרְיַת סֵפֶר, ווייל דֶער חַיּוּת דֶערְפוּן אִיז גֶעוֶוען אִין זֵיינֶע הֶענְט.

**עַל** כָּל פָּנִים וָואס מִיר קֶענֶען זֶעהן פון דָאס אַלֶעס אִיז, אַז יֶעדֶע מָקוֹם הָאט זֵיין מַעֲלָה, זֵיין כֹּחַ און זֵיין בַּאזוּנְדֶערֶע חֵן, און יֶעדֶער אִיד דַארְף זִיךְ מִתְבּוֹנֵן זֵיין אִין דִי מַעֲלוֹת פון זֵיין וואוינאָרְט, און וויסְן אַז דָארְט קֶען עֶר שְׁטֵייגְן און אָנְקוּמֶען צוּ זֵיין תַּכְלִית[ט].

---

**ט.** עס טרעפט זיך מענטשען וואס לעבן צענדליגע יארן מיט א ווילן צו זיין ערגעץ אנדערש ווי דער באשעפער האט אויסגעשטעלט פאר זיי, דאס איז זייער נישט ריכטיג, א מענטש דארף זיך אונטערבייגן צום רצון השם, ווי דער באשעפער האט אויסגעשטעלט זיין לעבן.

מיר טרעפן ביי די פרשה פון פיגול, אז אויב א מענטש שחט א קרבן מיט די מחשבה פון חוץ לזמנו אדער חוץ למקומו, איז עס פסול, חוץ למקומו קען מרמז זיין אויף דער ענין, אויב א מענטש טראכט אז ער וויל זיין ערגעץ אנדערש, דאס איז נישט דער דרך ה'.

# פָּרָשַׁת פָּרָה

## פָּרָה - זִיךְ רֵיינִיגְן דוּרְךְ תְּשׁוּבָה

☆ וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ פָּרָה אֲדֻמָּה ☆ פָּרָה אִיז מְתַקֵּן דֶעם חֵטְא הָעֵגֶל ☆ דִי הֵיילִיגְקֵייט פוּן דִי דוֹר וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט מִיטְן עֵגֶל ☆ דִי פָּרָה אִיז מְעוֹרֵר אוֹיף תְּשׁוּבָה ☆ דֶער לִיבְּשַׁאפְט פוּן הַשֵּׁי"ת אֲפִלוּ נָאכְן חֵטְא הָעֵגֶל ☆ פָּרָה קוּמְט פַאר הַחֹדֶשׁ ☆ וּנְשַׁלְּמָה פָּרִים שְׂפָתֵינוּ

### וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ פָּרָה אֲדֻמָּה

**דִי** וָואךְ לֵיינְט מֶען דִי קְרִיאָה פוּן פָּרָשַׁת פָּרָה.[י] וִוי דִי תּוֹרָה בַּאפֶעלְט צוּ נֶעמֶען אַ **פָּרָה אֲדֻמָּה,** אוּן מֶען זָאל דָאס פַארְבְּרֶענֶען בִּיז ס'וֶוערְט **אֵפֶר** אוּן דֶערְנָאךְ זָאל מֶען דָאס אַרֵיינְוַוארְפְן אִין פַייעֶר, צוּזַאמֶען מִיט אַן **עֵץ אֶרֶז** אוּן אַן **אֵזוֹב** מִיט אַ **שְׁנִי תוֹלַעַת** אוּן מֶען לֵייגְט דָאס אַרֵיין אִין **מַיִם חַיִּים אֶל כֶּלִי** אוּן מֶען שְׁפְּרִיצְט עֶס אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ וָואס טָמֵא גֶעוָוארְן פוּן אַ מֵת.

### פָּרָה אִיז מְתַקֵּן דֶעם חֵטְא הָעֵגֶל

**כָּאטְשׁ** וָואס דִי תּוֹרָה רוּפְט עֶס אָן אַ חֹק, בְּרֶענְגְט רַשִׁ"י פוּן רַבִּי מֹשֶׁה הַדַּרְשָׁן אַ טַעַם דֶערוֹיף "תָּבֹא אִמּוֹ וּתְקַנֵּחַ צוֹאַת

---

**י.** אין שו"ע שטייט (סימן תרפה סעיף ז) יש אומרים שפרשת זכור **ופרשת פרה אדומה** חייבים לקרואתם מדאורייתא. דער בית יוסף שרייבט אז די מקור דערפון איז פון א תוספות אין מגילה (יז:), אבער די פוסקים זאגן אז מיר האבן נישט אזא תוספות און זיי נעמען דאס נישט אן להלכה.

אין ספר דמשק אליעזר א פירוש אויף הגהות הגר"א איז מסביר אז עס איז געווען געשריבן אין תוספות פרשת זכור **ופ"א**, וואס די דרוקער האבן געמיינט אז די ראשי תיבות דערפון איז פרה אדומה, אבער אין ווארהייט איז די באדייט פעם אחת, דאס מיינט אז דער מצוה מדאורייתא פון פרשת זכור איז נאר איינמאל אין לעבן. [ועיין בספר החינוך מצוה תרג].

דער ערוגת הבושם (שו"ת או"ח סימן רה) ברענגט א שיינע טעם בשם דער ישמח משה פארוואס מען זאל האלטן אז פרשת פרה איז א מדאורייתא, וויבאלד איינער פון די שש זכירות איז צו געדענקען דער מעשה העגל ווי עס שטייט אין פסוק (דברים ט ז) זכור אל תשכח את אשר הקצפת את ה' אלקיך במדבר וגו', [וואס דער מגן אברהם אין סימן ס זאגט פארוואס מען ליינט נישט די פרשה פון עגל אפילו עס איז א מצוה צו געדענקען אזוי ווי זכור, וויבאלד עס איז א שאנדע פאר כלל ישראל] זאגט דער ישמח משה אז מיט דעם וואס מען ליינט דער

בְּנָהּ" דער פָּרָה אֲדוּמָּה איז מְתַקֵּן דֶעם חֵטְא הָעֵגֶל, אַ מָשָׁל צוּ אַ זוּן פוּן אַ דִינְסְט וָואס הָאט שְׁמוּצִיג גֶעמַאכְט דֶעם קֶענִיגְס פַּאלַאץ, רוּפְט מֶען דִי מַאמֶע אַז זִי זָאל דָאס אָפְּרֵייניגְן, אַזוֹי אוֹיךְ נָאכְדֶעם וָואס דִי אִידְן הָאבְּן זִיךְ פַארְשְׁמִירְט מִיטְן חֵטְא הָעֵגֶל זָאל קוּמֶען דִי מַאמֶע דִי קִיהּ אוּן מִיט מְכַפֵּר זַיין דִי זִינְד פוּן דִי עֵגֶל.

## דִי הֵייליגְקֵייט פוּן דִי דוֹר וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט מִיטְן עֵגֶל

**דִי** גְּמָרָא אִין מַסֶּכֶת עֲבוֹדָה זָרָה (דף ד:) זָאגְט **אָמַר ר' יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי לֹא עָשׂוּ יִשְׂרָאֵל אֶת הָעֵגֶל אֶלָּא לִתֵּן פִּתְחוֹן פֶּה לְבַעֲלֵי תְּשׁוּבָה,** דִי אִידְן זֶענֶען גֶעוֶוען אִין גָאר אַ הוֹיכֶע מַדְרֵגָה, זֵיי הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען דִי דוֹר דֵעָה, וִוי דִי גְּמָרָא בְּרֶענְגְט דִי פָּסוּק (דברים ה כה) **מִי יִתֵּן וְהָיָה לְבָבָם זֶה לָהֶם לְיִרְאָה וְגוֹ',** אוּן רַשִׁ"י אִיז מַסְבִּיר אַז לוֹיט זֵייעֶרֶע מָאס הֵייליגְקֵייט וָואלְטְן זֵיי בֶּאֱמֶת גֶעקֶענְט פַארְמֵיידְן אוּן נִישְׁט מַאכְן דֶעם שְׁרֶעקְלִיכְן זִינְד מִיטְן חֵטְא הָעֵגֶל. עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תהלים לז לג) **ה' לֹא יַעַזְבֶנּוּ בְיָדוֹ וְלֹא יַרְשִׁיעֶנּוּ בְּהִשָּׁפְטוֹ** הַשֵּׁי"ת הֶעלְפְט אַז אוּנְז זָאלְן קֶענֶען בַּייקוּמֶען דֶעם יֵצֶר הָרַע וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין גְּמָרָא (קידושין ל:) **אִלְמָלֵא הקב"ה עוֹזְרוֹ אֵין יָכוֹל לוֹ** אוּן הַשֵּׁי"ת גִיבְּט אוּנְז דֶער מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ בַּייקוּמֶען אוּן בַּאזִיגְן דֶעם יֵצֶר הָרַע. דֶער מַהַרְשָׁ"א לֵייגְט צוּ אַז דִי אִידְן הָאבְּן דָאךְ גֶעהַאט דֶעמָאלְטְס אַ כֹּחַ הַתּוֹרָה וָואס דָאס אִיז דָאךְ מָגִנָּי וּמַצְלִי, וֶוען מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה וֶוערט מֶען נָאנְטֶער צוּם רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אַז מֶען זָאל זִיךְ קֶענֶען בַּאשִׁיצְן פוּן דֶעם יֵצֶר הָרַע, אוּן וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין גְּמָרָא (שם) **בָּרָאתִי לִי יֵצֶר הָרַע וּבָרָאתִי לוֹ תּוֹרָה תַּבְלִין** דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה וָואס דָאס בַּאשִׁיצְט אוּן שְׁטֶערְט דִי יֵצֶר הָרַע אַרֵיין צוּ קוּמֶען אִין דִי וָואס לֶערְנֶען אִין דֶעם הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.[יא]

## דִי פָּרָה אִיז מְעוֹרֵר אוֹיף תְּשׁוּבָה

**בַּיי** צַדִּיקִים וָואס הֶעכֶער אוּן מֶער אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט זֵיי זֶענֶען, הָאבְּן זֵיי מֶער סַיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא זִיךְ צוּ קֶענֶען הַאלְטְן אוּן נִישְׁט אַרֵיינְפַאלְן אִין דִי יֵצֶר הָרַע'ס נֶעץ, זֵיי בַּאקוּמֶען מֶער כֹּחוֹת פוּן הִימְל זִיךְ צוּ קֶענֶען בַּאשִׁיצְן פוּן דִי יֵצֶר הָרַע, [ווידֶער פַארְקֶערְט אוֹיב אַ צַדִּיק אִיז חָלִילָה פּוֹגֵם אוּן פַאלְט דוּרְךְ מִיט אַן עֲבֵירָה אִיז דָאס גָאר הַארְבּ, פִיל מֶער וִוי אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז נָאכְנִישְׁט אַזוֹי אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט, בַּיי צַדִּיקִים שְׁטֵייט דָאךְ "מְדַקְדְּקִין כְּחוּט הַשְּׂעָרָה" הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מֶעסְט אָפּ זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂים וִוי אַ דִינֶע הָאר אֲפִלּוּ בַּיי אַ קְלֵיינֶע עֲבֵירָה וֶוערְן זֵיי בַּאשְׁטְרָאפְט זֵייעֶר הַארְבּ] אֲפִלּוּ דִי אִידְן פוּן יֶענֶע דוֹר זֶענֶען גֶעוֶוען גָאר חָשׁוּב אוּן גְרוֹיס זֵיי הָאבְּן גֶעהַאלְטְן עֶרְשְׁט נָאךְ קַבָּלַת תּוֹרָה, זֵיי הָאבְּן דָאךְ נָאכְדֶעם אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט דִי מִשְׁכָּן, אִיז

---

קריאה פון פרשת פרה וואס דאס איז מרמז אויפן תיקון העגל -אזוי ווי רש"י ברענגט בשם רבי משה הדרשן- און מיט דעם דערמאנט מען דעם פרשת העגל.

**יא.** רבי יענקעלע מפשעווארסק זי"ע פלעגט נאך זאגן בשם דער ציעשנובער רב זי"ע: "אז די עגל איז געווען אן אונטער געווארפענע פעקל"...

גֶעוֶועֶן אַ גְּזֵרָה פוּן הִימְל אַז זֵיי זָאלְן גֶעשְׁטְרוֹיכְלְט וֶוערְן מִיטְן חֵטְא הָעֵגֶל כְּדֵי צוּ וֵוייזְן דֶערְמִיט אַז מֶען קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּן.[יב]

**לוֹיט** זֵייעֶרע מַדְרֵיגָה וָואלְט דָאס נִישְׁט גֶעדַארְפְט פַּאסִירְן, אָבֶּער דֶער רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאט גֶעוָואלְט אַז דָאס זָאל יָא גֶעשֶׁעהְן עֶר הָאט זֵיי נִישְׁט גֶעגֶעבְּן דִי כֹּחוֹת זִיךְ צוּ קֶענֶען הָאלְטְן פֶּעסְט שְׁטַארְק קֶעגְן דִי יֵצֶר הָרַע, אַלֶעס נָאר כְּדֵי צוּ וֵוייזְן דֶערְמִיט אַז מֶען קֶען תְּשׁוּבָה טוּן אֲפִלּוּ בֵּיי עֲבֵירוֹת דְּרַבִּים, דֶערְפַאר דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען וֶוען מֶען לֵיינְט דִי פָּרָשָׁה פוּן פָּרָה אִיז דֶער רִיכְטִיגֶע צֵייט צוּ זִיךְ אוֹיסְרֵיינִיגְן פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת אוּן תְּשׁוּבָה טוּן בֶּאֱמֶת מִיטְן גַאנְצְן הַארְץ אוֹיף אַלֶע חֲטָאִים, אִין יֶעדֶע מַצָּב וָואס אַ מֶענְטְשׁ גֶעפִינְט זִיךְ קֶען עֶר תְּשׁוּבָה טוּן, אַזוֹי ווִי מְ'זֶעהְט טַאקֶע אַז דָאס לִיגְט אִינֶעם חֵטְא הָעֵגֶל, לִתֵּן פִּתְחוֹן פֶּה לְבַעֲלֵי תְּשׁוּבָה, צוּ וֵוייזְן אַז וֶוען אִימֶער אִין יֶעדֶער סָארְט מַצָּב קֶען מֶען אוּן דַארְף מֶען תְּשׁוּבָה טוּן. אוּן דָאס בֶּעטְן מִיר בֵּיים יוֹצְרוֹת שַׁבָּת בֵּיים דַאוֶונֶען "וּכְמוֹ טָהֵר עַם בּוֹ נִטְמָא - כֵּן תְּטַהֵר אִישׁ אֲשֶׁר נִטְמָא וְכוּ', לְטַהֵר טְמֵאִים לְקַדֵּשׁ קְדוֹשִׁים לְהַצְדִּיק עֲמוּסִים".[יג]

## דֶער לִיבְּשַׁאפְט פוּן הַשֵּׁי"ת אֲפִלּוּ נָאכְן חֵטְא הָעֵגֶל

**נָאכְדֶעם** וָואס כְּלַל יִשְׂרָאֵל הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט מִיטְן עֵגֶל שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שְׁמוֹת לֵב ז) **וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה רָאִיתִי אֶת הָעָם הַזֶּה וְגוֹ' וְיִחַר אַפִּי בָהֶם וַאֲכַלֵּם וְגוֹ'** הַשֵּׁי"ת אִיז גֶעוֶועְן זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט אוֹיף דִי אִידְן אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט צוּ מֹשֶׁה רַבֵּנוּ אִיךְ ווִיל זֵיי פַארְלֶענְדְן חָלִילָה. דֶער קָאזְנִיצֶער מַגִּיד זי"ע פְרֶעגְט אִין זַיין סֵפֶר עֲבוֹדַת יִשְׂרָאֵל אוֹיפְן לְשׁוֹן הַפָּסוּק, לִכְאוֹרָה רֶעדְט דָאךְ הַשֵּׁי"ת גָאר שַׁארְפֶע אוּן שְׁטְרֶענְגֶע רֵייד, מִיר וֵוייסְן דָאךְ דֶער כְּלַל אַז בֵּיי אַ דִּבּוּר קָשֶׁה שְׁטֵייט **וַיְדַבֵּר**, אִיז פַארְוָואס שְׁטֵייט אִין תּוֹרָה

---

**יב.** דער ווילנא גאון זי"ע פרעגט פארוואס שטייט אין חז"ל איינער וואס טוט תשובה באהבה ווערן די עבירות איבער געדרייט צו זכיות, פארוואס קומט זיך פאר א בעל עבירה נישט גענוג אז ער האט געטוהן א עבירה, נאר דאס וואס ער האט געטוהן שלעכטס ווערט גאר איבערגעדרייט פאר א מצוה, וואס איז דער יושר? דער גאון ענטפערט ווייל מיט דעם וואס ער מאכט א עבירה און נאכדעם טוט ער תשובה דערויף, קומט אויס אז דער עבירה האט גורם געווען אז דער מענטש זאל תשובה טוהן, וואס מיט דעם קערט ער זיך צוריק און ער ווערט נאנטער צום רבש"ע, דורכדעם וואס ער האט געטוהן א שלעכטע פעולה קומט ער צו צו ווערן מער מקורב צום רבונו של עולם, קומט אויס אז דער עבירה אליין ברענגט די זכותים, דערפאר עונותיו נהפכו לזכיותו.

**יג.** אין די צייט וואס מען הייבט שוין אן צו קראצן און רייניגן פאר פסח, איז דער זמן מסוגל צו תשובה טון, עס שטייט אין ספר חסד לאברהם [דער זיידע פונעם חיד"א] אז פון נאך פורים גייען אלע אידישע נשמות ארויס פון זייערע היכלי הטומאה און זיי ווערן מער און מער דערהויבן בקדושה ובטהרה ביז דעם יו"ט פסח, אזוי ווייט אז מען קען דערגרייכן צו אנקומען צו דער זעלבע דרגה ווי די אידן ביים מתן תורה.

**וַיֹּאמֶר** וואס דאס אִיז דָאךְ אַ ווייכֶע שְׁפְּרַאךְ אַ דִּבּוּר רַכָּה?

**דֶער** עֲבוֹדַת יִשְׂרָאֵל עֶנְטְפֶערְט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע תֵּרוּץ, אַז אַוַודַאי גֶעווִיס הָאט הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא גֶערֶעדְט צוּ דִי אִידְן ווייכֶע רֵייד, אוּן עֶר הָאט זֵיי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט דֶער וֶועג ווִי אַזוֹי צוּ תְּשׁוּבָה טוּן נָאכְן חֵטְא הָעֵגֶל. דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט "וְעַתָּה הַנִּיחָה לִי" אִיךְ בֶּעט עֶנְק כְּלַל יִשְׂרָאֵל, טוּטְס מִיר אַ נַחַת רוּחַ -הַנִּיחָה אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן נֵייחָא אַ נַחַת- אוּן טוּטְס תְּשׁוּבָה אוֹיף דֶעם זִינְד, ווִי אַזוֹי? הָאטְס חֲרָטָה, טְרַאכְטְס אַרֵיין וָואס פַאר אַ גְרוֹיסֶע זִינְד עֶנְק הָאבְּן ווִידֶער גֶעשְׁפֶּענִיגְט אִין מִיר, בִּיז עֶנְק וֶועלְן אַלֵיין דֶערְגְרֵייכְן אִין זִיךְ אַ צַארְן אוּן עֶנְק וֶועלְן בְּרוֹיזְן אוֹיף זִיךְ אַלֵיין פַארְוָואס הָאבְּן מִיר גֶעקֶענְט טוּן אַזַא גְרוֹיסֶע עַוְלָה, ווִי אַזוֹי הָאבְּן מִיר זִיךְ גֶעקֶענְט נַארִישׁ מַאכְן אוּן עוֹבֵר זַיין אוֹיף דֶעם רָצוֹן הַשֵּׁם? ווִי אַזוֹי הָאבְּן מִיר גֶעקֶענְט מְצַעֵר זַיין השי"ת? אוּן אַזוֹי וֶועלְן עֶנְק צוּקוּמֶען צוּם רִיכְטִיגְן דֶּרֶךְ הַתְּשׁוּבָה.

**ווִי** מֶער מֶען טְרַאכְט אַרֵיין אִין דִי עֲבֵירָה זֶעלְבְּסְט זֶעהְט מֶען אֵיין אוּן מֶען פַארְשְׁטֵייט דִי גְרוֹיסֶע זִינְד וָואס מֶען הָאט גֶעטוּהְן, בִּיז מֶען זָאגְט זִיךְ אַלֵיינְס צוּ אַז מֶען וֶועט מֶער נִישְׁט טוּן דִי דָאזִיגֶע עֲבֵירָה. הקב"ה הָאט זֵיי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז דָאס אִיז דֶער רִיכְטִיגֶע וֶועג ווִי אַזוֹי צוּ טְרַאכְטְן אוּן תְּשׁוּבָה טוּן, **וַיִּחַר אַפִּי** עֶס זָאל וֶוערְן אַ צַארְן **בָּהֶם** אִין זִיךְ אַלֵיין, אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועלְן דִי אִידְן אָנְקוּמֶען צוּ אַ גֶעוַואלְדִיגֶע גְלוּסְטֶענִישׁ **וַאֲכַלֵּם** [אַ לָשׁוֹן פוּן גְלוּסְטֶענִישׁ - כָּלְתָה נַפְשִׁי] זֵיי וֶועלְן זַיין אָנְגֶעפִילְט מִיט הִשְׁתּוֹקְקוּת צוּם רבש"ע. קוּמְט אוֹיס אַז הקב"ה הָאט נִישְׁט גֶערֶעדְט שְׁטְרֶענְג צוּ דִי אִידְן, נָאר עֶר הָאט זֵיי אַנְטְפְּלֶעקְט דֶער אֱמֶת'ע וֶועג ווִי אַזוֹי צוּ תְּשׁוּבָה טוּן.

## פָּרָה קוּמְט פַאר הַחֹדֶשׁ

**אִין** יְרוּשַׁלְמִי (מגילה פרק ג ה"ה) שְׁטֵייט עֶס ווָאלְט וֶוען גֶעדַארְפְט זַיין פָּרָשַׁת הַחֹדֶשׁ בֶּעפָאר פָּרָשַׁת פָּרָה, ווִיבַּאלְד דֶער עֶרְשְׁטֶער טָאג אִין חֹדֶשׁ נִיסָן הָאט מֶען אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט דֶעם מִשְׁכָּן, [וָואס דָאס אִיז דֶער קְרִיאָה פוּן פָּרָשַׁת הַחֹדֶשׁ] אוּן דֶער צְווייטֶע טָאג הָאט מֶען פַארְבְּרֶענְט דִי פָּרָה, **וְלָמָּה פָּרָה קוֹדֶמֶת** אוֹיבּ אַזוֹי פַארְוָואס לֵיינְט מֶען טַאקֶע עֶרְשְׁט דִי פָּרָשָׁה פוּן פָּרָה, **שֶׁהִיא טָהֳרָתָן שֶׁל כָּל יִשְׂרָאֵל** צוּלִיבּ דֶעם וָואס דִי פָּרָה אִיז מְטַהֵר דִי אִידְן.

**לִכְאוֹרָה** דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס טַאקֶע בְּרוּךְ מֶען לֵיינֶען דִי פָּרָשָׁה פוּן פָּרָה בִּכְלָל? אוֹיבּ עֶס אִיז כְּדֵי דִי אִידְן זָאלְן זַיין טָהוֹר וֶוען זֵיי זֶענֶען מַקְרִיב דֶעם קָרְבָּן פֶּסַח אַזוֹי ווִי רַשִׁ"י זָאגְט (מגילה כט. ד"ה פרה) אִיז דָאס נִישְׁט שַׁיָּךְ פַאר אוּנְז ווִיבַּאלְד מִיר הָאבְּן לֵיידֶער דֶערְווייל נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קֶענֶען מַקְרִיב זַיין דֶעם קָרְבָּן פֶּסַח, אוּן וֶוען דִי בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וֶועט אוֹיפְגֶעבּוֹיעט וֶוערְן בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ, וֶועט דָאךְ דַאן זַיין אֵפֶר הַפָּרָה צוּ וֶוערְן טָהוֹר, אוֹיבּ אַזוֹי פַארְוָואס דַארְפְן מִיר לֵיינֶען דִי פָּרָשָׁה פוּן פָּרָה הֵיינְט צוּטָאגְס פַאר דִי פָּרָשָׁה פוּן הַחֹדֶשׁ, עֶס אִיז דָאךְ נִישְׁט נוֹגֵעַ דִי גַאנְצֶע טַעַם פוּן דִי יְרוּשַׁלְמִי וֶוען מִיר זֶענֶען נָאךְ אִין גָלוּת?

**נָאר** לוֹיט ווִי מִיר הָאבְּן מַסְבִּיר גֶעוֶוען, פַארְשְׁטֵייט מֶען פַארְוָואס טַאקֶע הָאבְּן חֲזַ"ל מְתַקֵּן גֶעוֶוען צוּ לֵיינֶען קֹדֶם דִי

קְרִיאָה פוּן פָּרָה אוּן נָאכְדֶעם הַחֹדֶשׁ, אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט אִין יְרוּשַׁלְמִי **שֶׁיֵּשׁ בָּהּ טָהֳרָתָן שֶׁל יִשְׂרָאֵל** ווייל מִיטְן לֵיינֶען דִי פָּרָשָׁה פוּן פָּרָה אֲדוּמָּה וֶועט מֶען גֶערֵיינִיגְט פוּן אַלֶע זִינְד, אוּנְז הָאבְּן דֶער זְכִיָּה אַז דִי קְרִיאָה וַואשְׁט אָפּ אוּנְזֶער עֲבֵירוֹת, אוּן עֶס הֶעלְפְט צוּ קֶענֶען בַּייקוּמֶען דֶעם יֵצֶר הָרַע, וְוִיבַּאלְד דֶער גַאנְצֶע עִנְיָן פוּן פָּרָה אִיז דָאךְ צוּ תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף דִי עֵגֶל וָואס ווייזְט אוּנְז אַז מִיר קֶענֶען פַארְרֶעכְטְן דֶעם שֹׁרֶשׁ פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע, מִיר קֶענֶען דֶערגְרֵייכְן צוּ עֶטְוָואס עֶפֶּעס הֶעכֶערְס אוֹיסְלֵייטֶערְן אוּנְזֶער נְשָׁמָה מִיטְן קְרִיאָה פוּן פָּרָשַׁת פָּרָה. אוּן דָאס אִיז נוֹגֵעַ יֶעדֶער יָאר אֲפִילוּ וֶוען מִיר הָאבְּן נִישְׁט קֵיין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, ווייל דִי קְרִיאָה אִיז מְטַהֵר דֶער מֶענְטְשׁ. [יד]

**דִּי** סְפָרִים הַק' (שפת אמת, ישמח ישראל) טֵייטְשְׁן מִיט דֶער גֶעדַאנְק דֶעם פָּסוּק (תהלים נא יב) **לֵב טָהוֹר בְּרָא לִי אֱלֹקִים וְרוּחַ נָכוֹן חַדֵּשׁ בְּקִרְבִּי** עֶרְשְׁט דַארְף מֶען רֵיינִיגְן דֶעם הַארְץ מֶען דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף דִי עֲבֵירוֹת אַז דִי הַארְץ זָאל נִישְׁט זַיין אָנְגֶעשְׁמִירְט מִיט זִינְד, אוּן דֶערְנָאךְ **רוּחַ נָכוֹן חַדֵּשׁ בְּקִרְבִּי** קֶען מֶען מַאכְן אַ הִתְחַדְּשׁוּת אַרֵיין בְּרֶענְגֶען אַ פְרִישֶׁע גֵייסְט מִיט אַ גֶעשְׁמַאקֶע חִיּוּת דִּקְדֻשָּׁה.

**דֶער** עֲבוֹדַת יִשְׂרָאֵל לֵייגְט צוּ נָאךְ אַ פְּשַׁט אִינֶעם פָּסוּק "זֹאת חֻקַּת הַתּוֹרָה אֲשֶׁר צִוָּה ה' **לֵאמֹר**" מִיר דַארְפְן זָאגְן דִי פְּסוּקִים, דִי תּוֹרָה בַּאפֶעלְט אוּנְז, לֵאמֹר - צוּ זָאגְן דִי פְּסוּקִים, צוּ לֵיינֶען דִי פָּרָשָׁה, כְּדֵי זִיךְ צוּ רֵיינִיגְן דֶערְמִיט, וֶוען מִיר לֵיינֶען דִי פָּרָשָׁה וֶוערְן מִיר גֶערֵיינִיגְט אוּן אָפְּגֶעוַואשְׁן פוּן אַלֶע חֲטָאִים וּפְשָׁעִים.

### וּנְשַׁלְּמָה פָרִים שְׂפָתֵינוּ

**בִּפְרָט** הַיינְט צוּטָאגְס וֶוען מִיר הָאבְּן נִישְׁט קֵיין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אוּן מִיר קֶענֶען נִישְׁט מַאכְן קֵיין שְׂרֵפַת הַפָּרָה, נָאר דוּרְךְ לֵיינֶען דִי פָּרָשָׁה וֶוערְן מִיר גֶערֵיינִיגְט אוּן אַזוֹי וֶוערְט גֶערֶעכְנְט כְּאִילוּ מִיר וָואלְטְן זִיךְ מְטַהֵר גֶעוֶוען מִיטְן פָּרָה זֶעלְבְּסְט.

**אִין** מְלֶאכֶת שְׁלֹמֹה (פֵּרוּשׁ עַל מִשְׁנָיוֹת מַסֶּכֶת מְגִלָּה פֶּרֶק ג משנה ד) וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט גֶעוַואלְדִיגֶע וֶוערְטֶער בְּשֵׁם סֵפֶר חֵן טוֹב. **וְלָכֵן תִּקְנוּ חֲזַ"ל לִקְרֹא פָּרָשַׁת פָּרָה בְּצִבּוּר וְהִיא מִדְּאוֹרַיְיתָא יוֹתֵר מִכָּל פָּרָשִׁיּוֹת,** פָּרָשַׁת פָּרָה אִיז אַ דְאוֹרַיְיתָא, וְוִיבַּאלְד אוּנְז הָאבְּן נִישְׁט קֵיין אֵפֶר הַפָּרָה וָואס זָאל אוּנְז מְטַהֵר זַיין, **שֶׁקְּרִיאָתָהּ הִיא עֲשִׂיָּתָהּ** אוּן מִיט דֶעם וָואס מִיר לֵיינֶען דִי פַּרְשָׁה וֶוערְט דָאס גֶערֶעכְנְט ווִי אוּנְז הָאבְּן מְקַיֵּים גֶעוֶוען דִי מִצְוָה **שֶׁעִקַּר הַכֹּל הִיא הַכַּוָּנָה שֶׁאֵין הַמַּיִם מְטַהֲרִין אֶלָּא כַּוָּנַת הַמַּיִם לְהַכְנִיעַ היצה"ר,** וְוִיבַּאלד דֶער גַאנְצֶע עִנְיָן פוּן דִי אֵפֶר הַפָּרָה אִיז צוּ גֶעוֶועלְטִיגְן אִיבֶּער דֶעם יֵצֶר הָרַע, **וְאֵין לָנוּ אֵפֶר הַפָּרָה מִצְוָה עָלֵינוּ לִקְרוֹת פָּרָשָׁה זוֹ בְּצִבּוּר לְהִטָּהֵר מֵהַיֵּצֶר הָרַע ע"י קְרִיאָתָהּ** אוּן וְוִיבַּאלְד אוּנְז הָאבְּן נִישְׁט קֵיין אֵפֶר הַפָּרָה, לֵיינֶען מִיר דִי קְרִיאָה דֶערפוּן

---

**יד.** עס שטייט אין פרי צדיק אז דער שורש פון די יצר הרע קומט פון די נחש - שלאנג וואס האט געמאכט זינדיגן אדם וחוה וואס דאס האט געברענגט א קללה אויף די וועלט, דערפאר שפריצט מען די אפר הפרה צו זיך ריינגן פון א טומאת מת וואס דער שלאנג האט צוגברענגט אז עס זאל זיין א מציאות פון טויט.

וָואס דָאס הֶעלְפְט אוּנְז מַכְנִיעַ זַיין דֶעם יֵצֶר הָרַע.

**דֶער** מָאוֹר וָשָׁמֶשׁ אִין פָּרָשַׁת חֻקַּת טַייְטְשׁ דֶעם פָּסוּק אַזוֹי: **זֹאת חֻקַּת** דָאס אִיז דֶער וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ מְקַיֵּים זַיין דֶער מִצְוָה פוּן פָּרָה, **הַתּוֹרָה אֲשֶׁר צִוָּה ה' לֵאמֹר** אַז מִיר זָאלְן לֶערְנֶען אוּן עוֹסֵק זַיין אִין דִי פָּרָשָׁה פוּן פָּרָה אֲדוּמָּה אַזוֹי וֶועלְן מִיר וֶוערְן גֶעהֵיילִיגְט. מִיט דֶעם וָואס מִיר לֶערְנֶען דֶער פָּרָשָׁה וֶוערְט דָאס גֶערֶעכְנְט וִוי אוּנְז שֶׁחְטְ'ן דֶעם פָּרָה אוּן מִיר שְׁפְּרִיצְן דִי אֵפֶר הַפָּרָה אוּן עֶס וֶוערְט גֶערֶעכְנְט וִוי אוּנְז וֶוערְן טָהוֹר מַמָּשׁ. זָאלְן מִיר טַאקֶע זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן גֶערֵיינִיגְט פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת, אוּן קֶענֶען דֶערְלֶעבְּן דֶעם אֵפֶר הַפָּרָה בְּבֵית הַמִּקְדָּשׁ בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ, אוּן עֶס זָאל שׁוֹין מְקֻיָּם וֶוערְן דֶעם פָּסוּק (יחזקאל לו כה) וְזָרַקְתִּי אֲלֵיכֶם מַיִם טְהוֹרִים וּטְהַרְתֶּם וגו' מִכֹּל גִּלּוּלֵיכֶם אֲטַהֵר אֶתְכֶם.